**פיין וועלי רעספּייט: אַ דאָפּלטע וואַקאַציע**

די היי-יעריגע וואַקאַציע סעזאָן איז פיל לייכטער פאַר פילע משפחות, אַדאַנק די אויסערגעוועינליכע פיין וועלי רעספּייט פּראָגראַם, וועלכע גיט זיך אָפּ מיט זייערע עלטערן וועלכע די משפחות האַלטן ביי זיך אין שטוב. פיין וועלי שטעלט צו פאַר די עלטערן דאָס בעסטע און שענסטע, מיט די גרעסטע איבערגעגעבנקייט, אין די צייט וואָס די געטרייע קינדער זענען אויף וואַקאַציע, און שעפּן זיך אָן פרישע כוחות און חיות צו קענען ווייטער באַדינען די חשוב'ע עלטערן.

עס איז אַ נאָבלע ערשיינונג, וואָס פילע היימישע פאַמיליעס נעמען צו זיך אַריין אין שטוב, אָדער אין זייער שכנות, דעם מאַן'ס אָדער פרוי'ס עלטערן, אויף די עלטערע יאָרן, ווען זיי דאַרפן אַביסל הילף מיט די שטוב ווירטשאַפט אָדער אַנדערע באַדינונגען. צומאָל איז נויטיג מען זאָל זיך פשוט מער אומקוקן אויף זיי און עס פעלט אויס זיי זאָלן זיין נאָנט צו די קינדער וועלכע האַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף זייער געזונט צושטאַנד. דאָס זיין נאָנט צו זייערע קינדער, העלפט די באַטרעפנדע זיך עלטערן און פריידן ביז די הונדערט און צוואָנציג יאָר. דאָס איז אַ מדרגה אין כיבוד אב ואם, וואָס גאָר אַסאַך קינדער זענען מקיים מיט אַ געוואַלדיגן הידור.

ווען עס איז געקומען די זומער וואָכן – די יערליכע וואַקאַציע סעזאָן ווען משפחות פּאַקן זיך פעק און מען פאָרט אויף אָפּרו – זענען די משפחות געשטאַנען פאַר אַ שווערע דילעמאַ. ווער וועט זיך אומקוקן אויף זייערע עלטערן בעת זיי זענען אין די מרחקים, אין די מאַונטענס אָדער זיי לאָזן זיך אַרויס אויף אַ ווייטערע וואַקאַציע רייזע.

פיין וועלי'ס רעספּייט פּראָגראַם איז דער ריכטיגער ענטפער! עס האָט שוין ב"ה געלעזט די דילעמאַ פאַר פילצאָליגע פאַמיליעס.

פיין וועלי רעספּייט פּראָגראַם, איז געאייגנט אַריינצונעמען עלטערע איינוואוינער אויף אַ קורצע ווײַלע, ווען די קינדער דאַרפן אַוועקפאָרן אויף וואַקאַציע, אָדער די קינדער קענען זיך נישט אָפּגעבן מיט די עלטערן צוליב אַן אַנדערע סיבה, ווי אַ שמחה וכדומה.

נישט בלויז וואָס די רעספּייט פּראָגראַם העלפט די געטרייע, איבערגעגעבענע קינדער גיין אויף וואַקאַציע און זיך אויסרוען, נאָר עס גיט אויך פאַר זייערע עלטערן אַן אַנגענעמע וואַקאַציע, אין די וואַרימע, פריינטליכע און געטרייע אַטמאָספערע מיט וואָס פיין וועלי איז באַרימט.

די מיטגלידער אין די פיין וועלי רעספּייט פּראָגראַם געניסן פון אַלע אויסערגעוועגליכע סערוויסעס אַזוי ווי אַלע אַנדערע פיין וועלי מיטגלידער. דאָס שליסט איין די געשמאַקע מאָלצייטן און ספּעציעלע אויסוואַל פון נאָרהאַפטיגע מעניוס וואָס ווערט דאָרט צוגעשטעלט, אונטער די שטרענגע השגחה פון בית דין צדק דשיכון סקווירא. די אויסערגעוועגליכע באַדינונגען, און געטרייע אויפזיכט פון אַ גרויסע שטאַב פון אויסערגעוועגליכע נוירסעס, וואָס איין קלינג איז גענוג און זיי זענען שוין זאָפאָרט גרייט צום דינסט, צו צושטעלן די געברויכן פון דעם מיטגליד.

במשך די פאַרוויילונג אין די רעספּייט פּראָגראַם, וועלן די מיטגלידער אויך געניסן פון די אַנגענעמע אַקטיוויטעטן. דאָס שליסט איין אינטערעסאַנטע אויספלוגן, פאָרשטעלונגען, ליין מאַטריאַל, קורסן וואו מ'לערנט זיך באַקן, און אַנדערע אינטערעסאַנט, באַלערנדע באַשעפטיגונגען א.ד.ג. ווי אויך שטעלט מען צו רוחניות'דיגע אַקטיוויטעטן פאַר די באַטייליגטע - מ'נעמט זיי אין שול א.ד.ג.

בכלל פאַרברענגן די מיטגלידער מיט מענטשן אין זייער עלטער, מיט וועלכע זיי שמועסן אין באַפריינדען זיך, בעת זיי באַקענען זיך אויך און קנופּן אָן נאָנטע באַציאונגען מיט די איינגעשטעלטע וועלכע פירן אָן מיט די אַקטיוויטעטן און מיט די אַנדערע וואַרימע שטאַב מיטגלידער, וואָס מאַכט ספּעציעל אַנגענעם די פאַרוויילונג און זיי שפּורן זיך ווי אינדערהיים.

די מיטגלידער זענען אונטער די אויפזיכט פון אַ גאָר געטרייע, און געלונגענע גרופּע דאָקטוירים, אונטער די פירערשאַפט פון דאָקטאָר מיקי און דעוווענדראַ שאַרמאַ. דאָקטאָר שאַרמאַ איז דער איינציגסטער דאָקטאָר אין די געגנט וואָס האָט פאַרברענגט עטליכע יאָר דורך פּראַקטיצירן ווי אַזוי צו באַהאַנדלען עלטערע מענטשן, און ער צייכנט זיך טאַקע אויס אויף דעם געביט, וואָס קומט שטאַרק צונוץ פאַר די פיין וועלי מיטגלידער וועלכע געניסן פון זיינע באַדינונגען.

די פאַמיליע שאַרמאַ זענען באַרימט אין די געגנט מיט זייערע גענעטע באַהאַנדלונגען פאַר עלטערע מענטשן. ווי אויך זענען זיי דאָקטוירים אין די שכנות'דיגע וועסט נייעק און סאָפערן שפּיטעלער, מיט וועלכע זיי האָבן גוטע באַציאונגען און קענען ערלעדיגן שנעלע און גענעטע טעסטס און באַהאַנדלונגען פאַר די פיין וועלי מיטגלידער. ווען מען פירט אַריין איינעם פון די מיטגלידער אין אַ שפּיטאָל אין די קאַונטי, וועלן די דאָקטוירים זיין ביי דעם באַטרעפנדן יעדן טאָג, צו פאַרזיכערן אַז ער געניסט פון די בעסטע באַדינונגען כדי זיי זאָלן וואָס שנעלער אַרויסגיין פון שפּיטאָל געזונטערהייט.

די פיין וועלי דאָקטוירים געפינען זיך אין צענטער אינמיטן טאָג, כדי פאַמיליע מיטגלידער זאָלן קענען דורכרעדן מיט זיי דעם מצב פון זייערע עלטערן און באַליבטע. ווי אויך זענען זיי אין פאַרבינדונג מיט די באַטרעפנדע'ס פּריוואַטע דאָקטוירים ווען נויטיג צו פאַרזיכערן אַז זיי געניסן פון די ריכטיגע באַהאַנדלונגען און מעדיצינען.

אין צוגאָב שליסט איין פיין וועלי'ס שטאַב נאָך אַ רייע ספּעציאַליסטן צו באַדינען די מיטגלידער, ווי אינפעקציע ספּעציאַליסטן, קאַרדיאַלאָדזשיסט, געסטראָאַלדזשיסט, דענטאַל, ספּעציאַליסטן צו באַהאַנדלען וווּנדן. ווי אויך שליסט עס איין דאָקטוירים וועלכע זענען אויסגעשטעלט מיט לאַנג-טערמיניגע איי.ווי. אָנגעלעגנהייטן, טרעטש באַהאַנדלונגען, פיטערן טיובס, לונגען דאָקטוירים, נוטרישאָניסטן צו פאַרזיכערן אַז די מיטגלידער האָבן די נויטיגע נערונגען, און נאָך.

ווי אויך ווערט צוגעשטעלט אויפן פּלאַץ דיאַליסיס און נאָך אַ רייע ספּעציעלע געזונטהייט באַדינונגען פאַר טייל פּאַציענטן וועלכע זענען אָנגעוויזן דערין. פאַר די וואָס מ'קען עס נישט אַליין צושטעלן, שטעלט מען צו טראַנספּאָרטאַציע צו אַ נאָענטן אָרט וואו זיי גייען דורך די דיאַליסיס. בקיצור, קינדער קענען זיין רואיג אַז זייערע עלטערן זענען אונטער אַן אויסערגעוויינליכע מעדיצינישע אויפזיכט.

מיט אַזעלכע איבערגעגעבענע באַדינונגען, וואָס מען טוט אַלעס פּאַרן וואוילזיין און געזונט פון די מיטגלידער, איז נישט קיין וואונדער אַזביידע עמוירדזשענסי רומס פון די אומגעגנט זאָגן און שטוינען פון די הויכע ערהוילונג ראַטע פון פּיין וועלי מיטגלידער.

פּיין וועלי רעספּייט איז דער בעסטער אויסוואַל פאַר אייערע באַליבטע פאַר אַ קורצע ווייַלונג: בעת איר גייט אויף וואַקאַציע אָדער איר דאַרפט ערגעץ אַוועקפאָרן צוליב אַ שמחה אָדער ביזנעס רייזע, זענט איר פאַרזיכערט אַז אייערע באַליבטע זענען אויף אַ גוט אָרט, מיט די בעסטע און געטרייעסטע געזונטהייט באַדינונגען, אינאיינעם מיט אַ געשמאַקע און אַנגענעמע פאַרווייַלונג.